# 28. דאָס קלוגע מיידל

אַ מאָל איז געווען אַ פריץ, האָט ער געהאַט דרײַ רענדאַרן בײַ זיך אָף זײַנע גיטער. איינער האָט געהאַלטן דעם וואַלד, דער צווייטער די מיל און דער דריטער האָט געהאַלטן די קרעטשמע. און דער איז געווען דער אָרעמסטער.

איין מאָל שיקט דער פריץ רופֿן די אַלע דרײַ אַרענדאַרן און זאָגט, ער וועט זיי פֿרעגן דרײַ פֿראַגעס: „וואָס איז דאָס גע־שווינדסטע אָף דער וועלט? וואָס איז דאָס פֿעטסטע אָף דער וועלט? און וואָס איז דאָס ליבסטע אָף דער וועלט?“ און ווער פֿון זיי ס'וועט אים געבן אַ ריכטיקן ענטפֿער אָף די אַלע פֿראַגעס, קריגט די אַרענדע אומזיסט אָף צען יאָר, און ווער ס'וועט נישט ענטפֿערן ריכטיק, דעם וועט ער אין גאַנצן אַרויסשיקן פֿון זײַנע גיטער.

די ערשטע צוויי, דער וואַלד־אַרענדאַטער און דער מיל־אַרענדאַטער האָבן נישט לאַנג געטראַכט און פֿאַרענטפֿערט די פֿראַגעס אַזוי: „דאָס געשווינדסטע אָף דער וועלט איז דעם פריצס פֿערד; דאָס פֿעטסטע אָף דער וועלט איז דעם פריצס חזיר, און דאָס ליבסטע אָף דער וועלט איז דעם פריצס ווײַב.“ און זיי זענען שוין געבליבן צופֿרידן, זיי האָבן שוין דעם ריכטיקן ענטפֿער. דער אָרעמער קרעטשמער אָבער איז געקומען אַהיים שטאַרק פֿאַרזאָרגט, ער האָט בלויז דרײַ טעג צײַט אָף צו ענטפֿערן דעם פריץ און וואָס וועט ער אים זאָגן?

דער קרעטשמער האָט געהאַט אַ טאָכטער, זייער אַ שיינע און זייער אַ געראָטענע, פֿרעגט זי אים: „טאַטע, וואָס ביסטו אַזוי

פֿאַרזאָרגט?" דערציילט ער איר, וואָס דער פּריץ האָט אים געפֿרעגט, און זאָגט: „ווי זאָל איך נישט זאָרגן, אַז איך ווייס אים נישט וואָס צו ענטפֿערן". זאָגט זי צו אים: „ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו זאָרגן, דער ענטפֿער איז פּראָסט: דאָס געשווינדסטע אָף דער וועלט איז דער געדאַנק; דאָס פֿעטסטע אָף דער וועלט איז די ערד; און דאָס ליבסטע אָף דער וועלט איז דער שלאָף."

אָפֿן דריטן טאָג זענען אַלע דריי אַרענדאַרן געקומען צום פּריץ. האָט ער די ערשטע צוויי באַלד אַרויסגעשיקט פֿון זיינע גיטער פֿאַר זייערע נישט ריכטיקע ענטפֿערס, אָבער צום קרעטשמער האָט ער געזאָגט: „דיינע ענטפֿערס זענען מיר זייער געפֿעלן, אָבער איך ווייס, אַז ס'איז נישט דיין קאָפּ דערביי. זאָג מיר דעם אמת, ווער ס'האָט זיי דיר געזאָגט." האָט זיך דער קרעטשמער געמוזט מודה זיין, אַז דאָס האָט אים געזאָגט זיין טאָכטער. זאָגט אים דער פּריץ: „אויב דו האָסט יאָ אַזאַ קלוגע טאָכטער, וויל איך זי זען. זאָל זי קומען צו מיר אין דריי טעג אַרום, נאָר זי זאָל קומען נישט גייענדיק און נישט פֿאָרנדיק, נישט אָנגעטון און נישט נאַקעט, און זי זאָל מיר ברענגען יאָ אַ מתנה און נישט קיין מתנה." קומט ער אַהיים, דער קרעטשמער, נאָך מערער פֿאַרזאָרגט ווי פֿריִער. פֿרעגט אים די טאָכטער: „וואָס איז שוין ווידער, טאַטע? וואָס ביסטו שוין ווידער פֿאַרזאָרגט?" דערציילט ער איר, וואָס דער פּריץ פֿאַרלאַנגט פֿון איר. זאָגט זי: „נו, וואָס זשע איז דאָ דאָ אַזוי צו זאָרגן? דו גיי נאָר און קויף מיר אַ נעץ, וואָס מע כאַפּט פֿיש, אַ ציג, אַ פּאָר טויבן און אַ פּאָר פֿונט פֿלייש". נו, האָט ער איר אַלץ איינגעקויפֿט. און אָפֿן דריטן טאָג האָט זי זיך אויסגעטון נאַקעט און האָט זיך איינגעוויקלט אין דער נעץ, איז זי געווען נישט אָנגעטון און נישט נאַקעט. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט רייטנדיק אָף דער ציג, האָבן זיך אירע פֿיס נאָכגעשלעפּט אָף דער ערד, איז דאָס געווען נישט פֿאָרנדיק און נישט גייענדיק. דערנאָך האָט זי גענומען אין איין האַנט די טויבן, אין דער צווייטער ס'פֿלייש און האָט זיך אַזוי אַריינגעשלעפּט צום פּריץ גלייך אין הויף אַריין.

דער פריץ איז געשטאַנען בײַם פענצטער און האָט זי דערזען אַזוי אַרײַנקומענדיק, האָט ער אָנגעררייצט אָף איר די הינט. האָט זי אַ וואָרף געטון ס'פלייש די הינט און איז אַרײַן אין הויז אַרײַן און האָט געזאָגט דעם פּריץ: „כ'האָב דיר געבראַכט יאָ אַ מתנה און נישט אַ מתנה", און האָט אָפּגעלאָזט די טויבן. ס'פענצטער איז געשטאַנען אָפן, זענען זיי אַרויסגעפלויגן. האָט איר דער פריץ געזאָגט: „אַז דו ביסט יאָ אַזאַ קלוגע, וויל איך מיט דיר חתונה האָבן, אָבער מיט איין תנאי, אַז ווען עמיצער וועט קומען זיך לאָדן פאַר מיר, זאָלסטו זיך נישט מישן." האָט זי אים צוגע-זאָגט און זיי האָבן חתונה געהאַט.

אין אַ צײַט אַרום איז זי געשטאַנען בײַם פענצטער, זעט זי, סע גייט פאַרבײַ אַ פויער און וויינט. פרעגט זי אים. „וואָס וויינסטו?" דערציילט ער איר, אַז ער מיט אַ שכן זײַנעם האָבן אַ בשותפותדיקן שטאַל. ער האָט אַ שקאַפּע און דער שכן האָט אַ וואָגן. האָט די שקאַפּע געהאַט אַ לאָשיקל* אונטער דעם שכנס וואָגן. האָט דער שכן געזאָגט, אַז דאָס לאָשיקל געהערט צו אים. זענען זיי געגאַנגען צום פּריץ זיך לאָדן, האָט דער פּריץ געפּסקנט, אַז דאָס לאָשיקל געהערט צום שכן. פאַרדריסט עס אים, גייט ער און וויינט. זאָגט זי צו אים. „כ'וועל דיר געבן אַן עצה. דו נעם אַ ווענטקע, וואָס מע כאַפּט פיש, און שטעל זיך אַוועק פאַרן פּריצס פענצטער, דאָרט איז אויסגעשאָטן זאַמד, און מאַך דיך, אַז דו כאַפּסט פיש אין זאַמד. וועט זיך דאָך דער פּריץ פרעגן: „קען מען אין זאַמד כאַפּן פיש?" זאָלסטו אים ענטפערן: „אַז אַ וואָגן קען האָבן אַ לאָשיקל, קען מען אין זאַמד כאַפּן פיש." האָט דער פויער אַזוי געטון, און ווען דער פּריץ האָט דערהערט זײַן ענטפער, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר קאָפּ דערבײַ, דעם ווײַבס. האָט ער צו איר גע-זאָגט: „אַזוי ווי דו האָסט נישט מקיים געווען אונדזער אָפּמאַך, טאָ נעם דיר דאָס שענסטע און דאָס ליבסטע, וואָס דו געפינסט

---

* אַ פערדעלע.

אין הויז, און גיי צו דײַן טאַטן!" זאָגט זי; „גוט! אָבער איידער איך גיי אַוועק, וויל איך, אַז מיר זאָלן נאָך איין אָנבײַסן עסן צוזאַמען." האָט ער מסכּים געווען. בײַם עסן איז געווען ווײַן, וואָס זי האָט געזען, אַז ער זאָל וואָס מערער טרינקען. און ווען ער איז שוין שטאַרק שיכּור געוואָרן, איז ער אײַנגעשלאָפֿן. האָט זי געהייסן די באַדינער אײַנשפּאַנען דעם עקיפּאַזש און האָט אים אַרויפֿגעלייגט און אַוועקגעפֿירט צו איר טאַטן.

ווען דער פּריץ האָט זיך אויסגעניכטערט און אויפֿגעכאַפּט און האָט זיך דערזען בײַ איר טאַטן אין הויז, האָט ער זי געפֿרעגט: „ווי קום איך אַהער?" זאָגט זי: „האָסט מיר געזאָגט, איך זאָל נעמען דאָס שענסטע און דאָס ליבסטע, וואָס איך וועל געפֿינען אין דײַן הויז, און גיין צו מײַן טאַטן, האָב איך קיין שענערס און קיין ליבערס פֿון דיר נישט געפֿונען." זאָגט ער: „אויב יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר זיך צוריק איבערבעטן און פֿאָרן אַהיים!"

און אַזוי האָבן זיי זיך שוין געעלטערט אין עושר און אין כּבֿוד.